# מתוך דברות קודש

# מכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## בדרשת שבת שובה (ביום שלש עשרה מדות) שנת תש"ע לפ"ק

קען זיין בדרך מוסר, די גמרא זאגט אין חגיגה (דף טז.) [אז א מענטש זאגט] שמא תאמר מי מעיד בי, [ווער זאגט עדות אויף מיינע מעשים, זאגט די גמרא] אבני ביתו וקורות ביתו של אדם הם מעידין בו, די ווענט פון די שטוב און די מעבל זאגן עדות אויפן מענטש ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט.

און באמת דארף א מענטש אריינטראכטן אין דעם, זיינע ווענט זיינע מעבל וועלן עדות זאגן אויף אים נאך הונדערט און צוואנציג און יאר אלעס וואס ער האט געטון, הן לטובה און הן פארקערט.

אז א איד זיצט שבת ביים טיש, און ער פירט אפ א שבת טיש, וועלן קורות ביתו עדות זאגן נאך הונדערט און צוואנציג יאר ווי אזוי זיין שבת טיש האט אויסגעזען, צו ער איז געזעסן ווי ביי א שבת טיש, זה השלחן אשר לפני ה', גערעדט מיט די קינדער עפעס ערנסקייט, געזונגען זמירות מיט די קינדער, געזאגט א דבר תורה א סיפור צדיקים.

און בכלל אפילו אינדערוואכן, קורות ביתו מעידין בו, ווי אזוי ער זעצט זיך אראפ צום פרישטאג, ווי אזוי ער זעצט זיך אראפ צום נאכטמאל, צו ער זיצט ווי א חסיד'שער איד ביים טיש, מיט א היט און א רעקל, און ער מאכט א ברכה. ווי אזוי זיין נטילת ידים זעט אויס, ווי אזוי זיין בענטשן זעט אויס, קורות ביתו וועלן עדות זאגן ווי אזוי זיין התנהגות איז געווען, קורות ביתו מעידין בו, דעם גאנצן קדש עצמך במותר לך, ווי אזוי ער האט זיך אויפגעפירט אין אלע זיינע ענינים.

קורות ביתו מעידין בו, ווען מען קומט אריין צו א איד און מען בעט ביי אים א נדבה צו געבן צדקה פאר א דבר שבקדושה, הייבט ער אן צו זאגן, די געשעפטן זענען נישט אזוי גוט, ס'איז שווערע זמנים, ווייסט דאך ווי אזוי ס'זעט אויס דער מצב אין די גאס, אבער קורות ביתו מעידין בו, ווען ס'האט זיך געהאנדלט איינצוקויפן מעבל, צו קויפן עפעס אין שטוב, ווי אזוי האסטו דעמאלטס געהאנדלט, האסטו אויך געוואוסט אז מען דארף עפעס מקמץ זיין, אז מען דארף עפעס נאכלאזן, צו דארט האסטו געוואוסט אז ס'דארף זיין חדש ימינו כקדם, דארט האט ער נישט געוואוסט פונעם מצב, נאר ווען ס'קומט צו דברים שבקדושה.

די וועלט זאגט א ווערטל, דער אייבערשטער זאגט (ישעיה מד ו) אני ראשון ואני אחרון, ווען די געשעפטן גייען נישט אזוי גוט, הייבט מען אן מקמץ צו זיין, איז אני ראשון, ווען ס'האנדלט זיך אין דברים שבקדושה, די ערשטע זאך שניידט מען אין צדקה, און ווען די געשעפטן גייען יא גוט, איז אני אחרון, דארטן איז דער באשעפער דער לעצטער, אלע גשמיות'דיגע זאכן איז פריער, אזוי זאגט די וועלט א ווערטל. קורות ביתו מעידין בו, זיי זאגן עדות אויף זיין התנהגות.

ס'איז דא א שיין ווארט פון אך פרי תבואה (דרוש לר"ה) ער זאגט אויף די ווערטער פון תיקוני זוה"ק (תיקון ו דף כב.) וואס רעדט זיך אפ צווחין ככלבין הב הב, זייער א שארפע לשון צווחין ככלבין, מען שרייט אזוי ווי די הינט, ער רעדט זיך אפ וואס א איד בעט כתבינו בספר פרנסה, אנשי כנסת הגדולה האבן דאך דאס מתקן געווען פאר די הייליגע טעג ראש השנה יום כיפור, זכרינו לחיים מלך חפץ בחיים, אלע תפלות גייען אזוי, און אויפאיינמאל רעדט זיך דער תיקוני זוהר אפ צווחין ככלבין הב הב.

זאגט דער ליסקער רב ז"ל צווחין ככלבין הב הב, ער זאגט א דאפלט לשון הב הב, ווען א איד בעט ער דארף פרנסה, רעדט זיך גארנישט אפ דער זוהר, א איד דארף פרנסה, א איד דארף האבן געלט, כדי צו זין א ערליכער איד, צו קענען צאלן שכר לימוד, געבן צדקה, צו פירן א כשר'ע קאך, א כשר'ע שטוב, צו זיין א איד, קויפן ד' מינים, אלעס קאסט געלט, אן געלד קען מען קיין איד נישט זיין, און אז א איד בעט פרנסה, אוודאי קומט זיך אים פרנסה, נישט דאס רעדט זיך אפ דער זוהר, דער זוהר רעדט זיך אפ ווען ער זאגט הב הב, ער זאגט איינמאל הב, און ער זאגט נאכאמאל הב, געב נאך!, דארפסט נאך?, דאס איז שוין מותרות, דאס איז שוין צווחין ככלבין, אבער ווען א איד דארף כדי צרכו ער זאל האבן פרנסה כדי ער זאל פירן א שיינע ערליכע אידישע שטוב, חלילה, אויף דעם קען זיך קיינער נישט אפרעדן, און אוודאי זענען אידן גערעכט, אידן דארפן האבן פרנסה, דער אייבערשטער זאל העלפן און משפיע זיין.

אבני ביתו וקורות ביתו מעידין בו, וועלן עדות זאגן, ווען האסטו געלערנט מיט דיין זון, ווען האסטו פארהערט דיין קינד, ווען האסטו געלערנט מיט א אייניקל.

קורות ביתו מעידין בו, ווי אזוי דאס צניעות זעט אויס אין שטוב, ווי אזוי די מלבושים זען אויס, און דא דארף מען נעבעך אסאך רעדן, מען דארף מעורר זיין, ווייל ליידער די ירידת הדורות איז מורא'דיג, און אפילו אזוי צו זאגן אין פיינע הייזער, מען כאפט זיך נישט, מען ווערט מיטגעשלעפט מיט די גאס, מיט די גוי'אישע גאס און מיט די אידישע גאס, ווייל נעבעך די אידישע גאס גייט אויך אזוי.

די היינטיגע יונגווארג טוט אן די קינדער גאנץ אנדערש ווי זייערע מאמעס האבן זיי אנגעטון, און דאס איז שוין דער דריטער דור אין אמעריקא, ס'איז סאך אנדערש ווי דער ערשטער דור האט אנגעטון זייערע

קינדער, מען איז זייער ווייט אוועק געפארן, קורות ביתו מעידין בו, וואס מען באקליידט זיך. מען דארף האבן געוואלדיגע סייעתא דשמיא אז מען זאל קענען קעגן גיין דעם שטראם, ס'איז א שווערע זאך, ווייל די גאס גייט אזוי, און מען זאגט אז דאס איז היינט דער סדר, די מאדע ווי מען רופט עס, מען כאפט זיך נישט, מען הייבט אן מיט קלייניקייטן, נאך א קלייניקייט און נאך א קלייניקייט, מען רוקט, און מען פארט נעבעך אוועק ווייט.

קורות ביתו מעידין בו, די מעבל איז נישט דאס וואס איז געווען אמאל, גארנישט איז נישט דאס וואס איז געווען אמאל, אלעס רוקט זיך נעבעך.

קורות ביתו מעידין בו, די מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל, די קורות ביתו פון ביהמ"ד וועלן אויך עדות זאגן, ווי אזוי ס'זעט אויס ווען ער איז אין ביהמ"ד, צו זיצט ער ביי א שיעור, צו זיצט ער נישט ביי א שיעור, וויפיל מאל ער פעלט און וויפיל מאל ער קומט צום שיעור.

קורות ביתו וועלן עדות זאגן ווי אזוי ער פירט זיך אויף ביים דאווענען, ווען ער קומט אן צום דאווענען, צו קומט ער אן אנהייב דאווענען, אדער אינמיטן, צו נאך שפעטער ווען ס'איז א בושה צו זאגן.

קורות ביתו וועלן עדות זאגן, ווען ער קומט שוין אן אין ביהמ"ד צום דאווענען, צו ער שטעלט זיך דאווענען, צו ער האט נאך עפעס זאכן צו ערלעדיגן און איבערצושמועסן, און ווי אזוי זעט אויס ביים ליינען, ביי די הויכע שמונה עשרה, קורות ביתו וועלן עדות זאגן אויף יעדע שיחה וואס ער האט גערעדט ביים דאווענען.

קורות ביתו מעידין בו, וואס ער ברענגט אריין אין שטוב, וואסערע ליין מאטריאל ער ברענגט אריין אין שטוב, ס'איז א וועלט פון צייטונגען וכדומה וכדומה, זייער אסאך פון די ליין מאטריאל איז אין רוח חכמים נוחה הימנו. קורות ביתו מעידין בו, אויף די כלים וואס מען ברענגט אריין אין שטוב, די קאמפיוטער'ס מיט די ווידיא'ס וכל שום וחניכא דאית להו, וואס דאס איז מכלה מנפש ועד בשר, ס'מאכט אומגליקליך אידישע הייזער אידישע קינדער, קליין און גרויס.

מען בעט דעם אייבערשטן וטהר לבנו לעבדך באמת, דער רמב"ן זאגט וואס הייסט קטונתי מכל החסדים ומכל האמת, זאגט ער די חסידים וואס בלייבן און האבן א קיום דאס הייסט אמת. וטהר לבינו לעבדך באמת, אז מען זאל דינען דעם באשעפער ס'זאל בלייבן, מען זאל נישט פאלן פון די מדריגה.

ליידער די כלים נעמען זייער חשובע אינגעלייט, הן אנשים און הן אין עזרת נשים, וואס באמת האבן זיי געהאט אין זיך תמימות און יראת שמים און ערליכקייט, און דאס ברענגט אריין אזא מין טומאה, ס'איז מטמא גרויס און ס'איז מטמא קליין.

**מורי ורבותי, ס'איז נישטא קיין עד אחד אויף דעם, ס'איז ליידער דא זייער אסאך עדות, זייער אסאך קרבנות, זייער אסאך עדות אויף דעם נטמאו טהרותיך, אז די טהור'ע נשמות זענען נעבעך טמא געווארן, ס'איז געווארן פיגול לא ירצה, ס'איז נעבעך נתפגלו, די געוואלדיגע טומאה וואס דאס האט אריינגעברענגט און מטמא געווען די נשמה באופן נורא ואיום.**

איך וויל בעטן די בעלי המסחר, די בעלי בתים, די וואס האבן ביזנעסער מיט מערערע ארבעטער, און די ארבעטער ארבעטן ביי די מאשינען - ווי מען רופט עס - די קאמפיוטער, א קאמפיוטער איז א וויכטיגע זאך, אין מסחר איז דאס היינט די כלי מיט וואס מען ארבעט, אבער דער ארבעטער האט די כלי ביי זיך, און ער האט צוטריט איבעראל, איך וויל זאגן פאר די בעלי בתים צוויי זאכן, בגשמיות וברוחניות. בגשמיות, ס'שלעפט אים אוועק די צייט - ווער ס'ווייסט - דאס האט אזא מין כח המושך אז ס'גייט אוועק אסאך שעות לבטלה, און דער בעל הבית צאלט אויף דעם, און דאס איז פראקטיש בגשמיות.

אבער אויך ברוחניות, ס'שלעפט נעבעך אוועק אין זייער אסאך אומריינע פלעצער, אמאל אויף א מינוט, און אמאל אויף צען מינוט, און צען מינוט איז אויך זייער אסאך, און אמאל אויף נאך לענגער, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

דער בעל הבית איז באחריות אין זיין געשעפט - אפילו דער ארבעטער איז א בעל בחירה - ער שטעלט אים צו די כלי, און ס'איז דא א עצה, מען קען ארויפלייגן א עין פקיחא, איך וויל בעטן יעדער בעל הבית וואס האט פועלים ער זאל ארויפלייגן אויף די כלים א עין פקיחא, וואס ער קען נאכקוקן ווי מען קריכט און ווי מען גייט, ס'זאל זיין אימת רבו עליו, ער זאל וויסן אז ער קען אים ווייזן, דארט און דארט ביסטו געווען, ס'איז נישט אזא טייערע זאך, און א בעל הבית וואס האט יראת שמים און ער וויל נישט קאליע מאכן זיינע ארבעטער, זאל עס זען צו האבן.

קורות ביתו מעידין עליו, ווי מען האט פריער געשמועסט, מען זאל אכט געבן אין שטוב, אכטונג געבן אויף זיך, און אכטונג געבן אויף די עזרת נשים מיט אלע ענינים, די סעלפאונס, וואס איז אזא קליינע כלי, אבער אויך קען מען מיט דעם אנקומען רחמנא ליצלן, מען איז מחובר צו די אינטערנעט, און די זעלבע די בלעקבערים, און אלע שמות וואס זיי האבן, זאל וויסן יעדער טאטע, אויב מען געט דאס פאר א קינד, הן א אינגל, הן א בחור, און הן פאר זיין טאכטער, זאל ער וויסן אז די אחריות וואס דאס ברענגט איז אויף אים, זייער אסאך זענען נעבעך צוגרינד געגאנגען פון די קליינע סעלפאן. - יעדער טאטע זאל אכטונג געבן ער זאל אזא כלי נישט איבערגעבן, אזוי ווי ער וועט נישט איבערגעבן א קאר פאר א קינד צו דרייוון, און דאס איז אסאך ארגער.

איך וויל זאגן כלפי די ישיבה, פאר די עלטערן פון די תלמידי הישיבה, עס קומען ארויס אין די ישיבה הונדערטער בחורים וואס זיצן און לערנען, איך וויל זאגן באזהרה חמורה פאר די עלטערן, קיין שום טאטע זאל נישט געבן פאר קיין בחור א סעלפאן, די ישיבה וועט צושטעלן גענוג טעלעפאנען פאר יעדן איינעם, ס'איז אזא שעדליכע זאך, און מען האלטן אויף דעם געוואלדיגע כוחות, און מען בעט יעדער טאטע זאל זען זיין קינד אפצוהיטן.